**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער א רייע געזעצן צו פארברייטערן צוטריט צו קינדער-געבורט העלט קעיר פאר ניו יארקער**

***נייער געזעץ (A1060-A/S1043-A) וועט ערלויבן פארמאסיסטן צו פארקויפן מעדיצינען וועלכע האלטן צוריק פון טראגעדיג ווערן 'אָוועך די קאונטער'***

***נאך א געזעץ (A1395-C/S1213-B) מאכט זיכער אז אלע פובליק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין די SUNY און CUNY סיסטעמען אפפערן צוטריט צו אבארשען דורך מעדיצין***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן וויכטיגע געזעצן צו פארברייטערן צוטריט צו קינדער-געבורט העלט קעיר אריבער די סטעיט און צו באפעסטיגן ניו יארק'ס היסטארישע שטאנד אלץ די לאנד'ס ערשטע 'זיכערע האפן סטעיט'. אזוי ווי זי האט פארשפראכן אין איר [2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע](), האט די גאווערנער אונטערגעשריבן א געזעץ (A1060-A/S1043-A) צו פארברייטערן צוטריט צו הארמאן-באזירטע מעדיצינען וואס האלטן צוריק פון טראגעדיג ווערן (קאַנטרעסעפּשען) דורכן זיי ערמעגליכן צו באקומען 'אָוועך די קאונטער' אן א פרעסקריפּשען — באזונדערס ארויסהעלפנדיג באזייטיגטע באפעלקערונגען וועלכע האבן מעגליך נישט א פאמיליע דאקטאר אבער קענען יא אנקומען צו א לאקאלע פארמאסי. די גאווערנער האט אונטערגעשריבן נאך א געזעץ (A1395-C/S1213-B) צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט וואס איז איינגעשריבן אין א SUNY אדער CUNY קאלעדזש קען באקומען אבארשען דורך מעדיצין אויפן קאמפוס.

"אין די צייט וואס עקסטרעמיסטן און ריכטער וועלכע זענען קעגן די רעכט פון מענטשן צו מאכן זייערע אייגענע באשלוסן זענען פאר צו צוריקדרייען אבארשען רעכטן אריבער דאס לאנד, קעמפן מיר צוריק דא אין ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אייך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן די היסטארישע געזעצן וועלכע באשיצן און פארברייטערן צוטריט צו אבארשען און צו קינדער-געבורט העלט קעיר. אונטער מיין אויפזיכט וועל איך פארזעצן צו זיכער מאכן אז ניו יארק פארבלייבט א זיכערע האפן פאר די וועלכע נויטיגן זיך אין קעיר."

**אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס האט געזאגט,** "עס רעדט זיך פון אייער אייגענע קערפער, און דא אין ניו יארק וועט דאס שטענדיג זיין אייער באשלוס וואס צו טוהן. אין די צייט וואס עקסטרעמיסטן ארום דאס לאנד זענען פאר מיט זייער אומאויפהערליכע אנגרייף אויף די סאמע יסודות'דיגע מענטשליכע רעכטן, בין איך שטאלץ אז אין אונזער געוואלדיגע סטעיט ארבעט מיר שווער יעדן טאג צו באשיצן די פרייהייט פון מענטשן צו מאכן באשלוסן איבערן האבן קינדער, אריינרעכענענדיג מיטן פארברייטערן צוטריט צו געבורט קאנטראל און פארזיכערן אז אבארשען דורך מעדיצין איז דא צו באקומען פאר סטודענטן אויף יעדע SUNY און CUNY קאמפוס. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער פירערשאפט אויף די קריטישע אנגעלעגנהייט. צוזאמען וועלן מיר פארזעצן צו

קעמפן צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען מאכן זייערע אייגענע באשלוסן איבער זייערע אייגענע קערפער."

**סענאט מאיאריטעט פירער ענדריע סטוּוארט-קאָזינס האט געזאגט,** "ניו יארק האט זיך קיינמאל נישט פארלאזט אויפן מזל ווען עס קומט צו באשיצן די פרייהייטן ארום קינדער-געבורט. מיר האבן אייביג אונטערגענומען שריט פון פאראויס צו פארזיכערן די מיטלען און קעיר אויף וועלכע מיליאנען פון מענטשן דא און אריבער דאס לאנד פארלאזן זיך. אונזער ארבעט צו פארברייטערן אבארשען סערוויסעס און אָווער-די-קאונטער קאַנטרעסעפּשען מעדיצין פאר סטודענטן ביי SUNY און CUNY קאמפוסן איז די לעצטגע געווינס אין די קאמף. די מאסנאמען באזונדער וועלן גיין א לאנגע וועג צו פארזיכערן אז קיינער דארף נישט אוועקגיין פון סקול אדער שטערן זייער בילדונג צוליבן נישט קענען באקומען סערוויסעס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונז העלפן האלטן ניו יארק אלץ א דעסינאציע סטעיט פאר אונזערע קינדער-געבורט רעכטן, און איך פארשפרעך די סענאט דעמאקראטן'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו די באמיאונגען."

**אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי האט געזאגט,** "אריבער דאס לאנד האבן מיר געזעהן ווי עקסטרעמיסטן וועלכע שטעלן זיך קעגן די רעכטן פון פרויען צו מאכן זייערע אייגענע העלטקעיר באשלוסן און באקומען אן אבארשען — אבער מיר ערלויבן דאס נישט צו געשעהן דא אין ניו יארק. די בילס וועלן באשיצן פרויען'ס צוטריט צו קאַנטרעסעפּשען און אבארשען, ארויפבויענדיג אויף די ארבעט וואס מיר האבן געטוהן זינט דער 'קינדער-געבורט געזונטהייט געזעץ' (Reproductive Health Act) איז ענדליך אריין אין קראפט אין 2019. מיר וועלן פארזעצן דעם קאמף פאר געזעצן צו באשיצן די רעכטן און געזונטהייט פון אלע ניו יארקער."

אין איינשטימונג מיט די גאווערנער'ס ['סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע](), אויטאריזירט די **A1060-A/S1043-A** ביל פאר פארמאסיסטן צו פארקויפן געבורט קאנטראל אן א פרעסקריפּשען, אונטער א 'סטענדינג ארדער' נישט ספעציפיש פאר די פאציענט (non-patient specific standing order) פון א דאקטאר אדער נוירס פרעקטישאנער. די ביל – אנגעפירט דורך סטעיט סענאטארשע טאָובי ען סטאווויסקי און אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין – וועלן פארמערן צוטריט צו די רוטינע מעדיצין, באזונדערס אין שטעטלישע חלקים פון די סטעיט וואו א פארמאסי קען מעגליך זיין מער צוגענגליך פון א דאקטאר'ס אפיס. די ביל רעכנט אויך אריין נויטיגע שוץ מאסנאמען צו באשיצן די געזונטהייט פון פאציענטן.

**סטעיט סענאטארשע טאָובי ען סטאווויסקי האט געזאגט,** "פרויען אין ניו יארק סטעיט טרעפן זיך אן אין פילע שטרויכלונגען ווען עס קומט צו אנקומען צו געבורט קאנטראל. מיין ביל וועט ערמעגליכן פרויען – טייל פון וועלכע האבן נישט קיין דאקטאר – צו באקומען זיכערערהייט מעדיצינען. דער געזעץ וועט בענעפיטירן פילע פרויען מיט א באגרעניצטע איינקונפט אדער אזעלכע וועלכע וואוינען אין שטעטלישע געגנטער, און איך באדאנק די גאווערנער פארן עס אונטערשרייבן."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין האט געזאגט,** "דורכן פארברייטערן די מעגליכקייט פון פארמאסיסטן צו צושטעלן קאַנטרעסעפּשען מעדיצין וועלן מיר ערמעגליכן פאר פילע וועלכע וואלטן אנדערש נישט געהאט צוטריט דערצו צו באקומען געבורט קאנטראל. די פארברייטערטע צוטריט גיבט פאר פרויען מער קאנטראל איבער זייערע פאמיליע פלענער, בילדונג קאריערעס און לעבנס. איך באדאנק NYS סענאטארשע טאָובי סטאווויסקי פאר איר שותפות אין די NYS סענאט און גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען די וויכטיגע טריט צו שטיצן פרויען און פאמיליעס."

**A1395-C/S1213-B** פארלאנגט אז יעדע SUNY און CUNY קאמפוס זאל צושטעלן צוטריט צו אבארשען מעדיצינען פאר זייערע סטודענטן דורכן אויפנעמען אדער מאכן א קאנטראקט מיט מענטשן וועלכע זענען אויטאריזירט צו פארשרייבן אבארשען פרעסקריפּשען מעדיצינען, אדער דורכן גיבן פאר

סטודענטן די אינפארמאציע און ריפערעלס צו אנקומען צו דאקטוירים וועלכע זענען אויטאריזירט צו פארשרייבן אבארשען מעדיצין. מענטשן אין די קאלעדזש יארן זענען אין די עלטער ווען זיי זענען די מערסטע ווארשיינליך זיך צו ווענדן פאר אן אבארשען. דער געזעץ וועט פארזיכערן אז פובליק אוניווערסיטעט סטודענטן האבן עכטע צוטריט צו פרעסקריפשען מעדיצינען פאר אבארשען דורך מעדיצין אין די פלעצער וואו זיי וואוינען, ארבעטן און פארברענגען זייער פרייע צייט. פרעסקריפשען מעדיצינען פאר אבארשען דורך מעדיצין זענען גאר זיכער און ווירקזאם, און זיי זענען שוין א וויכטיגע חלק פון אבארשען קעיר פאר צענדליגע יארן. אין צוגאב וועט דאס אוועקנעמען שטרויכלונגען צו באקומען אבארשען אויף קאמפוסן מעגליך רעדוצירן די לאסט אויף דרויסנדיגע קליניקס אריבער ניו יארק.

**סטעיט סענאטארשע קארדעל קלעיר האט געזאגט,** "איך בין זייער שטאלץ אז די ביל ווערט היינט אונטערגעשריבן וויל עס שטריכט אונטער די וויכטיגקייט פון שטענדיג אויסהערן פרויען. היינט מאכן מיר זיכער אז אלע סטודענטן וועלכע פארלאזן זיך אויף CUNY און SUNY פאר העלטקעיר וועלן האבן צוטריט צו די פולע ספעקטרום פון פרויען'ס געזונטהייט און קינדער-געבורט סערוויסעס, אריינרעכנענדיג אבארשען דורך מעדיצין. דער געזעץ וועט צושטעלן די נויטיגע צוטריט, גלייכקייט און שטיצע וואס קומען זיך פאר אונזערע סטודענטן."

**אסעמבלי מיטגליד הארווי עפסטין האט געזאגט,** "קאנסערוואטיווע עקסטרעמיסטן אטאקירן די רעכט פון מענטשן אויף זייער אייגענע קערפער און ציווילע רעכטן אין אונזער לאנד, אבער אין ניו יארק קעמפן מיר צוריק. מיר טוהען נישט נאר קעמפן צו גאראנטירן די רעכט צו אן אבארשען, נאר מיט דעם געזעץ פארשטערקערן מיר אויך די מעגליכקייטן צו קענען נוצן די רעכט דורכן אוועקנעמען שטרויכלונגען פאר א באפעלקערונג וואס האט באגרעניצטע צייט, מיטלען און טראנספארטאציע אפציעס. וויכטיגערהייט איז די באפעלקערונג אין קאלדעזש עלטער מער ווארשיינליך זיך צו ווענדן פאר אבארשען קעיר, אבער זיי האבן אויך ווייניגער מיטלען דאס צו קענען באקומען. מיר קענען דאס טויש. דער געזעץ וועט פארזיכערן אז די מוסדות וואו סטודענטן וואוינען, ארבעטן און פארברענגען זייער פרייע צייט וועלן מאכן די סערוויסעס צוגענגליך. איך וויל באדאנקען די פירערשאפט פון די לעגיסלאטור, די שתדלנים וואס האבן געארבעט מיט אונז און די גאווערנער פארן ארבעטן צוזאמען דאס צו ערלעדיגן פאר ניו יארקער."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג האט געזאגט,** "אין א צייט ווען קינדער-געבורט רעכטן זענען אונטער אטאקע אריבער אונזער לאנד, איז SUNY שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנער האקול פאר די גוטס פון אונזערע סטודענטן'ס וואוילזיין. די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע סטודענטן איז די וויכטיגסטע זאך, און גאווערנער האקול'ס צוגאנג וועט ארויפבויען אויף אונזער פארפליכטונג צו פארברייטערן קינדער-געבורט געזונטהייט צוטריט און פארזיכערן אז סטודענטן זענען באקאנט מיט די הילפס-מיטלען וועלכע זענען דא פאר זייער קעיר."

**CUNY טשענסעלאר דר. פעליקס וו. מאַטאָס ראדריגעז האט געזאגט,** "אזוי ווי אונזער לאנד זעצט פאר זיך צו ראנגלען מיט א נייע מצב אין וועלכע קינדער-געבורט רעכטן ווערן אוועקגעריסן, אנערקענען מיר אז דאס זענען די וועלכע קומען פון א שוואכערע הונטערגרונט וועלכע ווערן די שווערסטע באטראפן דערפון. דער געזעץ באשיצט CUNY סטודענטן דורכן פארזיכערן אז זיי האבן צוטריט צו קינדער-געבורט העלט קעיר וואס וועט זיי ערמעגליכן צו לייגן זייער בילדונג אלץ פריאריטעט און צו מאכן די באשלוסן וועלכע שטיצן זייערע לעבן'ס ציהלן. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו אפהיטן און פארמערן צוטריט צו אבארשען קעיר פאר סטודענטן און פאר אלע ניו יארקער."

גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט אז 1.68 מיליאן דאלאר אין גרענטס זענען פארטיילט געווארן דורך [ניו יארק סטעיט'ס 'פארזיכערן קינדער-געבורט העלט צענטערן פראגראם' ( Securing Reproductive Health Centers Program)](#) וואס העלפט פארזיכערן זיכערע צוטריט צו קינדער-

געבורט געזונטהייט און אבארשען סערוויסעס אריבער די סטעיט. די פינאנצירונג איז געווען טייל פון א צוזאג אין 2022 פון 35 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג איבערן סטעיט פאר דאקטוירים כדי צו פארשטערקערן ניו יארק'ס קינדער-געבורט העלט קעיר סיסטעם נאכפאלגנדיג דעם *Dobbs* אורטייל.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418